בעזרת השם יתברך

# פרק כז-כח

## • וארא •

**אין די פרקים ווערן ערקלערט:**

די חשיבות פון דעם וואָס איז מחדש אמת'דיגע חידושי תורה. - די פיר מדריגות פון תפילה. - די חשיבות פון דעם אָרימאַנ'ס תפילה. - דער נוסח פון ווידוי צו זאָגן ביי "שמע קולנו". - תפילה בציבור ווערט אָנגענומען פאַר דעם אויבערשטן. - דער אויבערשטער גיט אַכטונג אויף די פאַרמעגנס פון די מענטשן וואָס גייען צו טוהן אַ מצוה, און די ניסים וואָס זענען געשען מיט די אידן וואָס האָבן עולה רגל געווען קיין ירושלים ווען דער בית המקדש איז געשטאַנען.

די מענטשן וואָס האָבן נישט קיין בטחון אין דעם אויבערשטן, ווענדן זיך צו כישוף ח"ו מיינענדיג אז דאָס וועט זיי העלפן. - די גרויסע כישוף וואָס בלק און בלעם האָבן גענוצט קעגן די אידן. - די שרעקליכע טומאה פון כישוף וואָס איז געגליכן צו עבודה זרה, און די שטראָף פון די מענטשן וואָס גייען נאָך כישוף.

# אוצר של בטחון — מצות הבטחון

**העצה היחידה איך להציל את עם ישראל מהפחד הגדול במצב הנורא שלנו מהמלחמות של כל העולם כולו נגד עם ישראל - הגאולה תלוי-ה בנשים צדקניות כמ"ש** (סוטה יא:)**, בזכות נשים צדקניות נגאלו אבותינו ממצרים. וכמו שהיתה גאולה ראשונה גם כן תהיה גאולה אחרונה** (קב הישר פ' פ"ב) **וכמ"ש אשה יראת ה' היא תתהלל** (משלי לא, ל).

**בזכות הבטחון נגאלו ישראל ממצרים**, שכן כתיב (תהלים כב, ה) "בך בטחו אבותינו, בטחו ותפלטמו, אליך זעקו ונמלטו, בך בטחו ולא בושו", ואמרו במדרש "אליך זעקו" כמה דאמר (ויאנחו בני ישראל מן העבודה ויזעקו", "ולא בושו" כמה דאמר (בשלח יד, ל) "ויושע ה' ביום ההוא את ישראל מיד מצרים, וירא ישראל את מצרים מת על שפת הים", וכל כך למה "בך בטחו ולא בושו", **הכל בזכות הבטחון.** (כד הקמח אות בטחון).

**העצה הוא:** ללמוד ולומר ולהכנים בלבו כל יום פסוקי ועניני בטחון בה' שהוא מצווה תמידית בכל רגע, כמ"ש "בטחו בו בכל עת" ועל ידי שנכנים בלבנו בטחון ואמונה בה', ע"ז הקב"ה יתנהג אתנו ג"כ במידה כנגד מידה שלא נצטרך לפחד משום אחד בעולם רק מפני הקב"ה ית"ש. שאמר שלמה המלך החכם (משלי טז ז), "ברצות ה' דרכי איש גם אויביו ישלים אתו" (עיין חובת הלבבות, שבט מוסר, קב הישר). ובזכות זה נזכה בקרוב ממש ל"שיבנה בית המקדש במהרה בימינו אמן.

1) מכתם לדוד שמרני א-ל כי חסיתי בך (שם טז, א).
2) הפלה חסדיך מושיע חוסים ממתקוממים בימינך (שם יז, ב).
3) קוה אל ה' חזק ויאמץ לבך וקוה אל ה' (שם כז).
4) אלו-הי בך בטחתי אל אבושה אל יעלצו אובי לי (שם כה, ב').
5) שמרה נפשי והצילני אל אבוש כי חסיתי בך, תם וישר יצרוני כי קויתיך (כה).
6) אם תחנה עלי מחנה לא ירא לבי אם תקום עלי מלחמה בזאת אני בוטח ( כז).
7) ה' עזי ומגני בו בטח לבי ונעזרתי ויעלוז לבי ומשירי אהדנו (לא, כה).
8) בך ה' חסיתי אל אבושה לעולם, בצדקתך פלטני (שם לא, ב').
9) ואני עליך בטחתי ה' אמרתי אלו-הי אתה (שם לא, טו).
10) חזקו ויאמץ לבבכם כל המיחלים לה' (שם לא, כה').
11) כי בו ישמח לבנו כי בשם קדשו בטחנו (שם לג, כא).
12) כי לא בקשתי אבטח וחרבי לא תושיענו (מד, ז').
13) השלך על ה' יהבך והא יכלכלך, לא יתן לעולם מוט לצדיק (נה, כג).
14) באלוקים אהלל דברו, באלוקים בטחתי לא אירא, מה יעשה אדם לי (נו, יב)
15) חנינו אלוקים חנינו כי בך חסיה נפשי, ובצל כנפיך אחסה עד יעבר הוות (נז).
16) כי היית מחסה לי, מגדל עוז מפני אויב (שם סא, ד').
17) על אלוקים ישעי וכבודי, צור עזי, מחסי באלוקים (שם סב, ח') .

# אינהאלט
## פון פרקים כז-כח


**א.** אין פרק כ"ז ווערט ערקלערט די גרויסע חשיבות פון דעם מענטש וואָס איז מחדש אמת'דיקע חידושים און די שטראָף פון דעם וואָס איז מחדש מיט פאַרקרומטע הקדמות. - פיר מדריגות ביי תפילה: עבדים, עניים, חסידים און מקדשי שם שמים. - די מעלה פון דעם אָרימאַנ'ס תפילה. - דער נוסח פון ווידוי צו זאָגן ביי "שמע קולנו". - די גרויסקייט פון תפילה בציבור. - די ניסים וואָס זענען געשען מיט די מענטשן וואָס האָבן עולה רגל געווען קיין ירושלים ווען דער בית המקדש איז געשטאַנען. ........ ה

**ב.** אַ בת קול רופט אויס פאַר די מיטה פון דעם ערלעכן איד, לאָמיר אים ברענגען צו זיין היכל אין גן עדן מיט כבוד ........ ה

**ג.** דער שכר פון דעם וואָס איז מחדש אמת'דיגע חידושי תורה ........ ו

**ד.** די וויכטיגקייט פון מכוון זיין ביים דאַווענען ........ ז

**ה.** שפלות הרוח ביים דאַווענען ........ ח

**ו.** די וויכטיגקייט פון תפילה בציבור ........ יא

ז. דער אויבערשטער פרעגט זיך נאָך אויף דעם וואָס קומט געוועגליך און שוהל און אַמאָל קומט ער נישט ....... יג

ח. דער שכר פון די וואָס היטן די מצוות ....... יד

ט. אין פרק כ״ח ווערט ערקלערט די וויכטיגקייט פון בטחון אין דעם אויבערשטן, און די שענדלעכע עבירה פון כישוף. - דער כח פון בלעם הרשע צו טוהן כישוף. - דער שלעכטער סוף פון די מענטשן וואָס גייען נאָך כישוף. - אַ מעשה נורא וואָס ווערט געברענגט אין זוהר הקדוש. ....... טז

י. פאַרוואָס בלק ווערט אָנגערופן ״בן צפור״ ....... טז

יא. די הויפטן פון כישוף, עז״א און עזא״ל ....... יז

יב. בלעם האָט זיך געמוזט גאָר שטאַרק מטמא זיין כדי זיך אויסצולערנען דעם כישוף ....... יח

יג. די סטרא אחרא נעמט צו די נשמה פון דעם מענטש וואָס וויל מאַכן כישוף ....... יח

יד. די טרערן פון דעם בעל תשובה צוברעכן די שטאַרקייט פון די סטרא אחרא ....... יט

❖ ❖ ❖

# פרק כ"ז

**אין דעם פרק ווערט ערקלערט: די גרויסע חשיבות פון דעם מענטש וואָס איז מחדש אמת'דיקע חידושים און די שטראָף פון דעם וואָס איז מחדש מיט פאַרקרומטע הקדמות. - פיר מדריגות ביי תפילה: עבדים, עניים, חסידים און מקדשי שם שמים. - די מעלה פון דעם אָרימאַנ'ס תפילה. - דער נוסח פון ווידוי צו זאָגן ביי "שמע קולנו". - די גרויסקייט פון תפילה בציבור. - די ניסים וואָס זענען געשען מיט די מענטשן וואָס האָבן עולה רגל געווען קיין ירושלים ווען דער בית המקדש איז געשטאַנען.**

**א. מה טוב,** דער פסוק זאָגט (תהלים קלג, א) "הִנֵּה מַה טּוֹב וּמַה נָּעִים שֶׁבֶת אַחִים גַּם יָחַד", ווי גוט און ווי זיס איז עס ווען ברידער זיצן צוזאמען. דאָס מיינט דער פסוק צו זאָגן, ווען אַ מענטש איז אַ ירא שמים און איז עוסק אין לימוד התורה און דאַוונט ערלעך, וואָס די צוויי זיילן (תורה און תפילה) פעדערן זיך צו גיין פאַר זיין מטה ווען דער מענטש גייט אַרויף אויף יענער וועלט נאָך זיין טויט.

## אַ בת קול רופט אויס פאַר די מיטה פון דעם ערלעכן איד, לאָמיר אים ברענגען צו זיין היכל אין גן עדן מיט כבוד

**ב. וקול כרוז,** און אַ קול רופט אויס פאַר אים און זאָגט, דאָס איז דער מענטש וואָס ביי זיין לעבן איז ער שטענדיק געגאַנגען מיט אונז אין איין חברותא, ווען מיר אים איצט אויך נישט פאַרלאָזן ביז מיר וועלן אים ברענגען צו זיין היכל וואָס עס איז פול מיט כבוד, דאָס מיינט מען אין גן עדן. און זיי זאָגן צו דער הייליקער תורה, וויפיל כבוד און שיינקייט דערגרייכט דעם מענטש ווייל ער האָט זיך געלערנט.

**דאָס** איז אָבער נאָר ווען דער מענטש גייט נאָך דעם אמת'דיגן וועג פון דער תורה און לערנט זי באמת, אָבער אויב דער מענטש גייט נאָך פאַלשקייט און נאַרישקייטן און פאַרנעמט זיך מיט זאָגן פאַלשע פשטים צוליב זיין גרויסהאַלטעריי, ווערט ער באַשטראָפט.

**ג. וראיה,** און אַ ראיה דערצו איז פון זוהר פרשת בלק (דף קפ״ה עמוד ב׳) וואָס זאָגט אַז נאָך דער פטירה פון דעם מענטש, איידער ער קומט פאַר דעם בית דין של מעלה, גייט אַרויס אַ קול וואָס רופט אויס: זאַמלט זיך איין, אַלע אויבערשטע בני ישיבה, מעיין צו זיין אין זיין דין. זיי זאַמלען זיך איין, און צוויי ממונים ברענגען אַריין די נשמה.

**דער שכר פון דעם וואָס איז מחדש אמת'דיגע חידושי תורה**

**ווען** די נשמה גייט אַריין, שטעלט מען זי אַוועק ביי אַ זייל וואָס געפינט זיך דאָרט, און אַ פלאַם ברענט דאָרט. דעמאָלטס ברענגט מען אויפגעשריבן אַלעס וואָס דער מענטש האָט מחדש געווען אין דער תורה ביי זיין לעבן, און מען איז מעיין אין די חידושים. אויב זיי זענען קלאָרע רייד פון אמת, דאָס הייסט אויב ער האָט זיי מחדש געווען דורך אמת'דיגע הקדמות, דעמאָלס באַקרוינט אים יעדער פון די אויבערשטע בני ישיבה מיט קרוינען וואָס פינקלען און לייכטן מיט אַ קלאָרע ליכט.

**ד. ואם הם,** און אויב זיי זענען נישט קיין אמת'דיקע רייד, זאָגט יעדער איינער פון דער אויבערשטער ישיבה: עס איז ליגנט! נאָר ער האָט עס געזאָגט כדי זיך צו באַרימען מיט פאַלשע חידושים. ווי איז צו אים צוליב דער פאַרשעמונג וואָס די אויבערשטע בני ישיבה פאַרשעמען אים.

**באַלד** דערנאָך קומט דער ממונה פון גיהנום און כאַפט אים אַוועק צוליב דעם פסק וואָס די בני ישיבה האָבן אים איבערגעגעבן

אין זיינע הענט, און מען נידערט אים אַראָפּ אין דעם אונטערשטן גרוב פון דעם גיהנום, און ער ליידט דאָרטן שווערע און ביטערע שטראָף, אַזוי ווי עס שטייט אין זוהר פרשת יתרו (דף פ"ז עמוד א').

**ה. כל מאן,** יעדער איינער וואָס זאָגט אין דער תורה זאַכן וואָס ער ווייסט נישט און האָט עס נישט מקבל געווען פון זיין רבי'ן, זאָגט אויף דעם דער פסוק (שמות כ, ד) "לֹא תַעֲשֶׂה לְךָ פֶסֶל וְכָל תְּמוּנָה", דו זאָלסט נישט מאַכן פאַר דיר אַן אויסהאָקונג און אַ בילד (פון עבודה זרה), און דער אויבערשטער ברוך הוא איז גרייט זיך אָפּצורעכענען מיט אים אויף דער וועלט וואו זיין נשמה וויל גיין צו איר אָרט און מען שטויסט איר אַרויס, און זי ווערט פאַרלענדעט פון דעם אָרט וואו עס געפינען זיך די איבעריקע נשמות.

**נו,** פון דא זעסטו קלאָר די גרויסע זינד וואָס עס האָט דער מענטש וואָס איז מחדש פאַלשע פשטים אין דער תורה צוליב זיין גרויסהאַלטעריי, און די האַרבע שטראָף וואָס ער ליידט דערפאַר.

## די וויכטיגקייט פון מכוון זיין ביים דאַווענען

**ו. ועתה נבאר,** און איצט וועלן מיר ערקלערן דעם ענין פון מכוון זיין ביי'ם דאַווענען, וואָס עס ווערט געברענגט אין זוהר פרשת בלק (דף קצ"ה עמוד א'). עס איז באַקאַנט אַז דוד המלך עליו השלום האָט געזונגען זיסע זמירות און מתפלל געווען צו דעם אויבערשטן, און מיר דאַרפן זיך אָפּלערנען פון אים דעם סדר און די וויכטיקייט פון דאַווענען.

**ז. מצינו לפעמים,** מיר געפינען אַמאָל ווי דוד המלך האָט בשעת זיין תפילה זיך צוגעגליכן צו דער כיתה פון די קנעכט, אַזוי ווי ער האָט געזאָגט (תהלים קכג, ב) "הִנֵּה כְעֵינֵי עֲבָדִים אֶל יַד אֲדוֹנֵיהֶם", אַזוי ווי די אויגן פון די קנעכט וואָס קוקן אַרויס צו זייער האַר, און אַמאָל האָט ער זיך אַריינגערעכנט אין דער כיתה פון די אָרימעלייט, אַזוי ווי ער האָט געזאָגט (שם פו, א) "הַטֵּה ה' אָזְנְךָ עֲנֵנִי כִּי

עָנִי וְאֶבְיוֹן אָנִי", נייג, באַשעפער, דיין אויער און ענטפער מיר, ווייל איך בין אַן אָרימאַן און אַ נויטבאַדערפטיקער. און אין געוויסע צייטן האָט ער זיך אַריינגעברענגט אין דער כיתה פון ערלעכע אידן, אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק (שם שם, ב) "לְדָוִד, שָׁמְרָה נַפְשִׁי כִּי חָסִיד אָנִי", דוד המלך האָט געבעטן, היט מיין לייב ווייל איך בין אַ חסיד, און אַמאָל האָט ער זיך אַריינגעברענגט אין דער כיתה פון די הייליקע אידן וואָס זענען זיך מוסר נפש אויף קידוש השם, אַזוי ווי ער האָט געזאָגט (שם כה, א) "לְדָוִד, אֵלֶיךָ ה' נַפְשִׁי אֶשָּׂא" וגו', דוד זאָגט, צו דיר, באַשעפער, וועל איך איבערגעבן מיין זעל.

## שפלות הרוח ביים דאַווענען

**ח. והנה בשירות,** אַזוי דאַרף דער מענטש אויך טוהן ווען ער זאָגט שירות ותשבחות, דאָס מיינט מען, פון אָנהויב דאַווענען ביז קריאת שמע, זאָל ער זיך האַלטן ווי אַ קנעכט וואָס ער זאָגט די לויב פון זיין האַר, זיין באַשעפער. ווען ער קומט צו דעם פסוק "שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה' אֱלֹקֵינוּ ה' אֶחָד", זאָל ער זיך האַלטן ווי די מענטשן וואָס גיבן זיך איבער אויף קידוש השם.

**ווען** ער האַלט ביי שמונה עשרה, זאָל ער זיך מאַכן קליין און אָרים כדי זיין תפילה זאָל זיין גלייך צו די תפילה פון אָרימעלייט, ווייל די תפילה פון דעם אָרימאַן איז נאָענט אָנגענומען צו ווערן פאַר דעם אויבערשטן ברוך הוא מער ווי אַלע תפילות פון דער וועלט.

**ט. בגין,** ווייל ווען דער אָרימאַן דאַווענט ווערן געעפנט אַלע פענסטער פון הימל אַז די תפילה זאָל אַרויפקומען פאַר דעם אויבערשטן ברוך הוא, און די תפילה פון דעם אָרימאַן הילט-איין אַלע תפילות פון די אידן, און די תפילות פון דער גאַנצער וועלט קומען נישט פאַר דעם אויבערשטן ברוך הוא ביז עס גייט פריער אַריין די תפילה פון דעם אָרימאַן, און דער אויבערשטער ברוך הוא זאָגט, זאָלן זיך איינהילן אַלע תפילות אין דער תפילה פון דעם אָרימאַן.

**י. וכל צלותין,** און אַלע תפילות וואָס קומען אַרויף משפט מען פאַר דעם אויבערשטן ברוך הוא, אויב זיי זענען ווערט אָנגענומען צו ווערן אָדער נישט. אָבער די תפילה פון דעם אָרימאַן וואָס איז מתפלל און באַקלאָגט זיך וועגן זיין ענגשאַפט און איבער די באַדערפענישן פון זיין ווייב און זיהן און טעכטער וואָס זענען אָנגעוויזן אויף אים, און ער דערציילט וועגן זיין ביטערן מצב וואָס ער פאַרברענגט זיינע יאָרן מיט צער און צרות, ער רעכנט אַלץ אויס פאַר דעם אויבערשטן בשעת זיינע אויגן רינען טרערן.

**יא. דא הוא,** דאָס איז די תפילה וואָס הילט איין אַלע תפילות און דער אויבערשטער ברוך הוא זאָגט אין דער צייט, מיין גלוסטונג איז אין די צובראָכענע כלים, דאָס זענען די נויטבאַדערפטיקע און אָרימעלייט, וואָס זיי זענען דעם אויבערשטן׳ס צעבראָכענע הערצער, און אַלע מענטשן ווייסן גאָרנישט ווי זייערע תפילות ווערן אָנגענומען אַ דאַנק דער תפילה פונעם אָרימאַן וואָס פאַרגיסט זיין תפילה מיט טרערן וואָס הילן איין אַלע תפילות פון דער וועלט.

**דאָס איז** וואָס דער פסוק זאָגט (תהלים קב, א) ״תְּפִלָּה לְעָנִי כִּי יַעֲטֹף״, די תפילה פון דעם אָרימאַן הילט-איין אַלע תפילות, און קיין שום תפילה גייט נישט אַרויף ביז די תפילה פון דעם אָרימאַן קומט אַרויף פאַר דעם אויבערשטן, און דער אויבערשטער זאָגט, זאָלן איינגעהילט ווערן אַלע תפילות און די תפילה (פון דעם אָרימאַן) זאָל אַרויפגיין פאַר מיר. דעריבער האָט דוד המלך זיך אָנגעשלאָסן מיט דעם אָרימאַן און האָט זיך אויך אַליין אָנגערופן ״עני״, אָרימאַן.

**יב. ואם כן,** און אויב אַזוי, לערנט מען פון דעם אַז אויב מענטשן ווילן זיך מאַכן שטענדיק אַזוי ווי אָרימעלייט, גייט זייער תפילה אַרויף און באַגעגנט זיך מיט די תפילות פון די אָרימעלייט

און באַהעפט זיך מיט זיי און גייט אַרויף צוזאַמען מיט זיי, און אין כלל פון די דאָזיקע תפילות גייט עס אַרויף און ווערט אָנגענומען מיט באַוויליקונג פאַר דעם הייליקן קעניג, דער אויבערשטער ברוך הוא.

**יג. ובהגיע,** און ווען דער מענטש קומט אָן צו דער תפילה ביי דער ברכה פון "שמע קולנו", זאָל ער זיך שטעלן צווישן די ערליכע אידן. דער פירוש דערפון איז, ער זאָל זאָגן ווידוי אויף זיינע זינד בשעת ער זאָגט די תפילה פון "שמע קולנו", און דורך מתוודה זיין אויף זיינע זינד ווערט ער אָנגערופן "חסיד", ווייל ער איז מודה אויף זיינע זינד און ער האָט חרטה און נעמט אויף זיך תשובה צו טוהן אַז ער זאָל מער נישט נאָכגעצויגן ווערן נאָך די פאַרדאָרבענע וועגן וואָס קומען פון דער לינקער זייט (פון דער סטרא אחרא), נאָר ער זאָל זיך באַהעפטן אין אויבערשטן רעכטן וועג, וואָס ווערט אָנגערופן "חסד".

**דער** עיקר ווידוי איז ווען ער רעכנט אויס אַלע זינד וואָס ער האָט געטוהן, און יעדער מענטש ווייסט דאָך די ביטערקייט פון זיין זעהל דורך די עבירות וואָס ער האָט פוגם געווען און געזינדיקט אין זיינע יונגע יאָרן, אין זיינע מיטעלע יאָרן און אויף דער עלטער, און אויף דעם אַלעם זאָל ער זאָגן ווידוי און אַרויסזאָגן זיינע זינד, ווייל דורך דעם וואָס ער זאָגט אַרויס זיינע זינד, ווערט אָפּגעטוהן פון אים דער מקטרג, ווייל ער איז דאָך אַליין מודה אַז ער האָט געזינדיקט, און אפילו אויב עס זענען פון אים פאַרגעסן געוואָרן אַ סאַך עבירות, וואָס וועגן דעם האָט ער זיי נישט אויסגערעכנט ביים זאָגן ווידוי, זאָל ער צוליב דעם נישט זאָרגן, ווייל וואָס קען ער טוהן אַז ער געדענקט זיי נישט.

**יד. על כן,** דעריבער ווערן זיי אויך נאָכגעצויגן נאָך די עבירות וואָס ער האָט זיך אויף זיי מתוודה געווען, און איין כפרה ווערט געגעבן פאַר אַלע עבירות. אָבער דער מענטש זאָל אַכטונג געבן אַז ווען ער איז מאריך מיט מתוודה זיין אויף זיינע זינד ביים זאָגן

"שמע קולנו", זאָל ער אָבער דורך דעם נישט אַריינגעצויגן ווערן נישט צו ענטפּערן קדושה מיט דעם ציבור. דעריבער האָבן די בעלי מוסר געשריבן אַז מען זאָל זאָגן אַ קורצע ווידוי.

**טו. וכה יאמר,** און אַזוי זאָל ער זאָגן, רבון העולמים, האַר פון אַלע וועלטן, איך האָב געטוהן זאַכן וואָס זענען שלעכט אין דיינע אויגן. איך בעט דיך, טוה פאַר דיין גרויסן נאָמען וועגן, דו זאָלסט ווערן פול מיט דערבאַרעמקייט און אָנפילן אַלע פּגימות וואָס איך האָב פּוגם געווען אין דיינע הייליקע שמות פון מיין יוגענט ביז צום היינטיקן טאָג. פאַרגיב מיר, זיי מיר מוחל, שענק מיר, ווייל דו הערסט צו די תפילה פון יעדן מענטש.

**טז. והקדוש ברוך הוא,** און דער אויבערשטער ווייסט דאָך די כוונה פון דעם מענטשנ'ס האַרץ, און ער וועט אים אַוודאי מוחל זיין אַלע זיינע זינד. און ער ענדיקט דאָרט אין זוהר (דף פ"ז עמוד ב') אין דער צייט ווען אַ מענטש איז מסדר די אַלע זאַכן מיט כוונה, איז אַ באַווייליקונג פאַר דעם אויבערשטן און ער שפּרייט אויס אויף אים זיין רעכטע האַנט און ער זאָגט אויף אים דעם פּסוק (ישעיה מט, ג) "עַבְדִּי אָתָּה, יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר", דו ביזט מיין קנעכט, די אידן, ישראל, מיט דיר וועל איך מיך באַרימען.

## די וויכטיגקייט פון תפילה בציבור

**יז. אמנם עוד,** אָבער דו דאַרפסט אויך וויסן אַז נאָך אַ הילף איז פאַראַן אַז די תפילה זאָל אָנגענומען ווערן, און דאָס איז, אַז מען זאָל דאַווענען צוזאַמען מיט דעם ציבור, אַזוי ווי עס שטייט דאָרט אין זוהר (דף קצ"ו עמוד א'), און די חכמים זכרונם לברכה האָבן געזאָגט אין מסכת ברכות (דף ו' עמוד ב') אַז דער מענטש וואָס איז געוואוינט צו קומען אין שוהל יעדן טאָג כדי צו דאַווענען מיט דעם ציבור, און איין טאָג קומט ער נישט, פרעגט דער אויבערשטער אויף אים דעם פּסוק (ישעיה נ, י) "מִי בָכֶם יְרֵא ה' אֲשֶׁר הָלַךְ חֲשֵׁכִים וְאֵין נֹגַהּ

לו״, ווער איז צווישן אייך אַ ג-ט פאָרכטיקער מאַן וואָס ער איז נישט געקומען אין שוהל דאַוונען נאָר ער איז געגאַנגען אין דער פינסטערניש און עס איז פאַר אים נישט ליכטיג. אויב ער איז געגאַנגען טוהן אַ מצוה, וועט פאַר אים זיין ליכטיק, אָבער אויב ער איז געגאַנגען טוהן אַ זאַך וואָס איז נאָר אַ רשות, וועט פאַר אים נישט זיין ליכטיק. איז דאָך לכאורה שווער, פאַרוואָס זאָגט דער אויבערשטער דווקא דאָס לשון חֲשֵׁכִים וְאֵין נֹגַהּ לוֹ״?

**יח. אך הענין,** נאָר דער תירוץ איז, ווייל צוליב אונזערע זינד מאַכן די קליפות אַ צווישנשייד צווישן אונז און צווישן דעם הימל, און כאָטש די פענסטער פון הימל זענען אָפן, פונדעסטוועגן מאַכן די קליפות אַ צווישנשייד און אַ מחיצה אין דריי צייטן פון טאָג, ווען זיי פליען צו די בערג פון פינסטערניש צו מאַכן אַן איינזאַמלונג פון טומאה און אויסמישונג און אומווירדיגקייט, מאַכן זיי אַ צווישנשייד אויף זייער אָרט צווישן דעם הימל און מאַכן דאָרט פינסטער די ליכט וואָס לייכט און פינקלט דורך די פענסטער פון דעם הימל.

**יט. ובזמנים אלו,** און אין די דאָזיקע צייטן האָבן אונזערע ערשטע אבות מכוון געווען צו באַשטימען די דריי תפילות, דאָס זענען שחרית, מנחה און מעריב, אין דער צייט וואָס זיי פליען אונטער די פינסטערע בערג, און די לופט פון דעם הימל איז ליידיק פון די קליפות ווייל זיי זענען שוין אַוועקגעגאַנגען צו זייער טמא׳נעם אָרט, אַזוי ווי פריער איז געשריבן. און די אידן גייען דעמאָלטס דאַוונען אין שוהל, און די אויבערשטע ליכטיגע פענסטער זענען אָפן און זייער ליכט גייט אַרויס און עס רוהט די ליכטיגקייט אויף די שוהלן, אויף די קעפּ פון די אידן וואָס דאַוונען דאָרט.

## דער אויבערשטער פרעגט זיך נאָך אויף דעם וואָס קומט געוועגליך און שוהל און אַמאָל קומט ער נישט

**כ. וקודשא בריך הוא,** און דער אויבערשטער פרעגט זיך נאָך אויף דעם מענטש וואָס געפינט זיך נישט דאָרט אין דער שוהל, און ער זאָגט, עס איז אַ שאָד אויף דעם דאָזיקן מענטש וואָס איז געווען געוואוינט צו קומען אַהער דאַווענען און איצט איז ער נישטאָ און ער האָט נישט קיין חלק אין דער ליכטיגקייט וואָס לייכט אויף די קעפּ וואָס דאַווענען איצט אין שוהל. אָבער צו אים איז נישט פאַראַן דאָס ליכטיגקייט וואָס רוהט אויף די אַנדערע וואָס דאַווענען יאָ אין שוהל, און וויפיל גוטע זאַכן זענען פון אים פאַרלוירן געוואָרן.

**כא. ונראה,** און עס געפעלט מיר צו זאָגן, אַז אויף דעם פירט אויס דער פסוק (ישעיה, שם) ״יִבְטַח בְּשֵׁם ה׳״, און די חכמים זכרונם לברכה האָבן געזאָגט דעם פשט, ווייל ער האָט געדאַרפט האָבן בטחון אויף דעם אויבערשטן ברוך הוא, ווייל דער וואָס גייט האַנדלען אין דער צייט ווען מען דאַרף דאַווענען, איז דאָך דאָס זיכער ווייל ער האָט מורא אַז ער וועט שאָדן האָבן דעם האַנדל פון יענע צייט וואָס איז באַשטימט צו דאַווענען מיטן ציבור.

**יז. לא נכון,** דאָס איז נישט רעכט, ווייל ער וואָלט געדאַרפט האָבן בטחון אויף דעם אויבערשטן אַז ער וועט אים געבן דעם פאַרדינסט פון אַן אַנדערן אָרט, אָבער איצט איז עס זיכער ווייל ער האָט נישט בטחון אין דעם אויבערשטן וואָס ער שפּייזט פון די גרעסטע באַשעפענישן ביז צו די קלענסטע אייער פון די ווערימלעך, און ער גיט אַכטונג אויף די פאַרמעגנס פון די מענטשן וואָס גייען מקיים צו זיין אַ מצוה, און אַזוי ווי עס שטייט אין ירושלמי מסכת פאה (פרק ג׳, הלכה ז׳).

**כג. מעשה,** עס האָט זיך געטראָפן אַ מעשה מיט אַ מענטש וואָס

האָט איבערגעלאָזט זיין גאַנצע תבואה און איז געגאַנגען עולה רגל זיין קיין ירושלים, מקיים צו זיין די מצוה פון ראייה, און ער האָט נישט אַוועקגעשטעלט קיין היטער ביי די תבואה, און ווען ער איז צוריקגעקומען פון ירושלים האָט ער געפונען לייבן וואָס האָבן אַרומגערינגלט זיין תבואה (און דורך דעם האָבן מענטשן מורא געהאַט צו גנב׳ענען פון די תבואה).

## דער שכר פון די וואָס היטן די מצוות

**כד. ועוד,** און נאָך אַ מעשה ווערט דאָרט געברענגט, מיט אַ מענטש וואָס האָט עולה לרגל געווען קיין ירושלים, און ער האָט איבערגעלאָזט זיין הויז אָפן צוליב זיין גרויסע טירחה פון זיין נסיעה קיין ירושלים, און דערנאָך, ווען ער איז צוריקגעקומען אַהיים, האָט ער געפונען שלענג רינגלען אַרום די טיר און דאָס הויז, אויף אַן אופן אַז קיין שום מענטש האָט נישט געקענט עפענען די טיר און אַריינקומען אין זיין הויז.

**כה. רבי פנחס,** רבי פנחס האָט דערציילט, עס איז געווען אַ געשיכטע מיט צוויי ברידער פון דער שטאָט אשקלון וואָס האָבן געהאַט שכנים, האָבן די שכנים געזאָגט, אָט ווען די ברידער אינגיכן גיין עולה רגל זיין קיין ירושלים ווען מיר צונעמען אַלעס וואָס זיי פאַרמאָגן, און ווען די ברידער זענען געגאַנגען עולה רגל זיין, האָט דער אויבערשטער געשיקט מלאכים אין דער געשטאַלט פון מענטשן וואָס זענען אַריינגעגאַנגען און אַרויסגעגאַנגען פון דעם הויז (און אַזוי געהיטן דאָס הויז פון די שלעכטע שכנים).

**כו. וכשבאו,** און ווען די ברידער זענען צוריקגעקומען פון ירושלים, האָבן די שכנים זיי געזעהן און זיי אַנטקעגן געגאַנגען און זיי באַגריסט, פרעגנדיק, וועמען האָט איר איבערגעלאָזט אין אייער הויז? האָבן זיי געענטפערט, אַז זיי האָבן קיין שום היטערס נישט איבערגעלאָזט. האָבן די שכנים געזאָגט, געלויבט איז דער

באַשעפער דער ג-ט פון די אידן, וואָס ער האָט זיי נישט פאַרלאָזט און וועט זיי אויך ווייטער נישט פאַרלאָזן.

**כז. הרי לך,** פון דא זעסטו די גרויסע השגחה וואָס דער אויבערשטער ברוך הוא גיט אַכטונג אויף אַלע וואָס פאַרלאָזן זיך אויף זיין גענאָד, און פאַרלאָזן נישט קיין איין מצוה פאַר דעם אויבערשטן׳ס וועגן, און דער אויבערשטער גיט אַ גוטע באַלוינונג אַלס שכר, געלויבט איז ער און געלויבט איז זיין נאָמען וואָס ער גיט שפייז און פרנסה פאַר זיין פאָלק די אידן.

❖ ❖ ❖

# פרק כ״ח

**אין דעם פרק ווערט ערקלערט: די וויכטיגקייט פון בטחון אין דעם אויבערשטן, און די שענדלעכע עבירה פון כישוף. - דער כח פון בלעם הרשע צו טוהן כישוף. - דער שלעכטער סוף פון די מענטשן וואָס גייען נאָך כישוף. - אַ מעשה נורא וואָס ווערט געברענגט אין זוהר הקדוש.**

**א. באשר,** ווייל פיל שטרויכלונגען קומען אויף די מענטשן ווייל עס פעלט זיי בטחון צו זיין פארזיכערט אין דעם אויבערשטן, וועגן דעם וועל איך פאַר דיר אַוועקשטעלן פילע וואָרענונגען וועגן דעם.

**ב. מכשול הראשון,** די ערשטע שטרויכלונג איז, וואָס עס געפינט זיך צווישן די שענקערס און קרעמערס, ווען זיי זעהען אַז עס איז פאַרמינערט געוואָרן זייער פרנסה, ווילן זיי נישט מקבל זיין מיט ליבשאַפט די גזירה פון דעם אויבערשטן אַז דאָס איז געשען כדי עס זאָל זיין פאַר אים אַ כפרה אויף זיינע זינד, און אַז אַלעס איז פון דעם אויבערשטן, און זיי קלוגן זיך אַנטקעגן דעם אויבערשטן ברוך הוא און טוהען פעולות דורך כישוף וואָס פליען אין דער לופט, וואָס דאָס איז אַ גרויסע זינד, אַזוי ווי איך וועל ערקלערן מיט׳ן אויבערשטן׳ס הילף.

**פאַרוואָס בלק ווערט אָנגערופן ״בן צפור״**

**ג. והנה,** און בלק בן צפור האָט געטוהן כישוף קעגן די אידן דורך אַ פויגל וואָס ער איז באַקאַנט פאַר די כישוף-מאַכערס, וואָס זיי מאַכן דעם כישוף דורך אַ פויגל, און דעריבער איז ער אָנגערופן געוואָרן ״בן צפור״, און בלק האָט דעם פויגל געשיקט צו אַן אָרט וואָס איז דער מקור הטומאה פון כישוף כדי ער זאָל וויסן וואָס צו טוהן קעגן די אידן. און ווען דער פויגל האָט זיך צוריקגעקערט צו אים, האָט

ער געזעהן אַ פלאַם פייער פליט אים נאָך און פאַרברענט זיינע פליגל. דאַן איז אויף אים אַרויפגעפאַלן אַ גרויסע ציטערניש און פאַרכט, און ער האָט געשיקט שליחים צו בלעם דער זוהן פון בעור, וואָס ער איז געווען איינגעוואָרצלט אין דער טומאה פון כישוף.

## די הויפטן פון כישוף, עז״א און עזא״ל

**ד. והנה,** די הויפטן און מקור פון כישוף זענען עז״א און עזא״ל, וואָס זיי האָבן מקטרג געווען קעגן באַשאַפן דעם מענטש, און דער אויבערשטער האָט זיי אומגעוואָרפן צו דער ערד, און דאַן איז אין זיי אָנגעקלעפט געוואָרן אַן אויסמישונג פון דער זוהמא פון דעם שלאַנג, און זיי האָבן געגעבן זייערע אויגן צו קוקן ווי מ׳טאר נישט און זענען נכשל געווארן. ווען דער אויבערשטער האָט געזעהן אַז זיי פאַנגען אָן צו פאַרפירן די מענטשן, האָט ער זיי צוגעבונדן מיט אייזערנע קייטן אין די בערג פון פינסטערניש, און דאָרט וואוינען זיי.

**ה. עז״א** האָט דערצערנט דעם אויבערשטן כביכול ווען ער האָט אים אָנגעבונדן די קייטן, דעריבער האָט דער אויבערשטער אים פאַרוואָרפן ביז די טיפעניש פון דעם באַרג ביז צו זיין האַלדז, און ער זעהט נאָר פינסטערניש, אָבער עזא״ל, וואָס האָט נישט דערצערנט דעם אויבערשטן בשעת ער האָט אים צוגעבונדן אין די קייטן, האָט ער אים אַוועקגעזעצט נעבן עז״א, אָבער עס איז אים נישט אַזוי פינסטער, און עס איז פאַר אים אַביסל ליכטיק פון דער פינסטערניש.

**ו. ועל כן,** און דעריבער ווערט עז״א, וועמען דער אויבערשטער ברוך הוא האט אַריינגעוואָרפן אין דער פינצטערניש, אָנגערופן אין דער תורה מיט׳ן נאָמען ״נופל״, און עזא״ל, וואָס אים איז ליכטיג, ווערט גערופן ״גלוי עינים״, זיינע אויגן זענען אַנטפּלעקט.

**ז. די דאָזיקע** בערג פון פינסטערניש ווערן אָנגערופן ״הַרְרֵי קֶדֶם״, ווייל די פינסטערניש האָט זיך געפעדערט פאַר די

ליכטיגקייט, און פון אָנהויב ווען עס איז באַשאַפן געוואָרן די ליכטיגקייט, איז געווען פינסטערניש. יעדן טאָג איז בלעם הרשע געגאַנגען צו זיי (עזא און עזאל) כדי צו לערנען פון זיי די שמות פון טומאה און כישוף. און דאָס איז וואָס בלעם האָט געזאָגט (במדבר כג, ז) ״מִן אֲרָם יַנְחֵנִי בָלָק מֶהַרְרֵי קֶדֶם״ וגו׳, און אויך (שם כד, ג-ד) ״נְאֻם הַגֶּבֶר אֲשֶׁר מַחֲזֵה שַׁדַּ״י יֶחֱזֶה נוֹפֵל וּגְלוּי עֵינָיִם״.

## בלעם האָט זיך געמוזט גאָר שטאַרק מטמא זיין כדי זיך אויסצולערנען דעם כישוף

**ח. וקודם,** און איידער בלעם האָט זיך אויסגעלערנט דעם כישוף, האָט ער זיך געמוזט מטמא זיין מיט פילע ערליי טומאות.

**ט. ולכן נסמכה,** און דעריבער שטייען נאָנט אין דער תורה די צוויי פסוקים איינער נעבן דעם אַנדערן, דער פסוק (שמות כב, יז-יח) ״כָּל שֹׁכֵב עִם בְּהֵמָה מוֹת יוּמָת״, ״מְכַשֵּׁפָה לֹא תְחַיֶּה״, ווייל דער וואָרצל און מקור פון כישוף איז אַלעס לויט די גרויסע טומאות רחמנא ליצלן.

**י. ועל זה,** און אויף דעם שרייבט דער זוהר אין פרשת בלק (דף קצ״ב עמוד א׳) אויף דעם פסוק (במדבר כב, ה) ״וַיִּשְׁלַח מַלְאָכִים אֶל בִּלְעָם בֶּן בְּעוֹר פְּתוֹרָה״, און ער (בלק) האָט געשיקט שליחים צו בלעם דעם זוהן פון פּעור, אַ טיש, דאָס מיינט מען, וואָס די כישוף-מאַכערס גרייטן צו אַ טיש פאַר די שדים און דעמפן פאַר זיי אַ דעמפונג, און די שדים קומען און לאָזן זיי וויסן וואָס זיי דאַרפן.

## די סטרא אחרא נעמט צו די נשמה פון דעם מענטש וואָס וויל מאַכן כישוף

**און** דער סוף איז פון דעם מענטשן וואָס ער וויל מאַכן כישוף, אַז ווען ער שטאַרבט קומען די שדים מיט די גאַנצע סטרא אחרא צו

נעמען זיין נשמה און זיי זאָגן, דער דאָזיגער מענטש איז פון אונזער כת.

**וכן איתא** און אַזוי שטייט אויך אין זוהר פרשת תזריע (דף מ"ג ע"א) מיט'ן פאָלגענדן לשון: תא חזי, קום און זעה, דער מענטש גייט אַרויס פון דעם רשות פון זיין האַר (דער אויבערשטער) און ער ווערט איבערגעגעבן אַלס פקדון צו דער סטרא אחרא רחמנא ליצלן, עיין שם.

**יא. על כן,** דעריבער וואָרן איך די מענער אָדער ווייבער וואָס זענען געשטרויכלט אין דעם דאָזיקן זינד פון כישוף, צו פאַרלאָזן דעם דאָזיקן זינד און אָפּטוהן די דאָזיקע שטרויכלונג, און זיי זאָלן חרטה האָבן אויף דער פאַרגאַנגענהייט, און זאָלן וויינען מיט אַ פאַרביטערט האַרץ אויף דער צוקונפט, פאַר דעם אויבערשטן ברוך הוא, אַז ער זאָל זיי אַרויסציען פון די הענט פון די דאָזיקע פאַרשאָלטענע שדים און מזיקים וואָס זיי זענען אַריינגעקומען אונטער זייער רשות צוליב דער דאָזיקער זינד.

## די טרערן פון דעם בעל תשובה צוברעכן די שטארקייט פון די סטרא אחרא

**און** דעריבער דאַרף דער מענטש זעהר שטאַרק וויינען אויף דער דאָזיקער זינד, און דורך די טרערן וועט צוברעכן ווערן די שטאַרקייט פון די שדים און זייער כח וועט אָפּגעשוואַכט ווערן יעדן טאָג צוליב די טרערן, ביז עס וועט נישט פאַרבלייבן קיין צייכן פון דער דאָזיקער זינד.

**יב. תמים תהיה,** דו זאָלסט זיין גאַנץ מיט דעם אויבערשטן וואָס ער איז דיין ג-ט, אין אַלע דיינע ענינים, דאָס מיינט מען אַז עס טרעפט זיך דיר עפּעס אַ סיבה ח"ו, זאָלסטו אויפהייבן דיינע אויגן צו דעם אויבערשטן ברוך הוא, מעורר צו זיין

זיין דערבאַרעמקייט און גענאָד, דורך תשובה טוהן און מתפלל זיין און געבן צדקה.

**דיין** האַרץ זאָל דיך נישט אָנרעדן ווען דו זעסט אַז אַסאַך מענטשן וואָס זענען נאָכגעגאַנגען נאָך כישוף האָבן באַגליקט, ווייל ווי איז צו דער הצלחה, ווי איז צו דעם גליק וואָס קומט דורך כישוף, ווייל די הצלחה וועט שנעל פאַרלענדעט ווערן, אַזוי ווי אַ רויך. די עבירה בלייבט איינגעקריצט און אָנגעצייכנט, אַז ער זאָל דורך איר באַשטראָפט ווערן מיט שווערע און ביטערע שטראָף.

**יג. ראה מה,** זעה וואָס עס שטייט אין זוהר פרשת תזריע (דף נ״א עמוד א׳) רבי יצחק איז געגאַנגען צו זיין פאָטער, האָט ער געזעהן ווי אַ מענטש גייט און נייגט אַראָפּ פון דעם וועג און טראָגט אַ גרויסע לאַסט פון האָלץ אויף זיינע אַקסלען. האָט רבי יצחק צו אים געזאָגט, פאַרוואָס טראָגסטו דאָס אויף דיינע אַקסלען?

**האָט** דער מענטש אים גאָרנישט געענטפערט. איז רבי יצחק אים נאָכגעגאַנגען און האָט געזעהן ווי ער איז אַריינגעגאַנגען אין אַ הייל. איז רבי יצחק אים ווייטער נאָכגעגאַנגען און האָט געזעהן ווי אַ רויך איז אַרויסגעגאַנגען פון דער ערד, און דער מענטש איז אַריינגעגאַנגען אין אַ קליין לעכל וואָס איז געווען אין דער הייל, און איז פאַרשוואונדן געוואָרן פון אים.

**יד. דחיל,** האָט רבי יצחק זיך געפאָרכט, און איז אַרויסגעגאַנגען פון דער מערה. ווי ער איז אַזוי געזעסן ביי דער הייל, זענען דאָרט געגאַנגען רבי יהודה און רבי חזקיה. האָט ער זיי דערזען און איז געגאַנגען צו זיי, און האָט זיי דערציילט די גאַנצע מעשה. האָט רבי יהודה געזאָגט, געלויבט איז דער באַשעפער וואָס ער האָט דיך געראַטעוועט. די דאָזיקע הייל איז אַן אָרט וואו עס זיצן מצורעים, קרעציגע פון דער שטאָט ״סרוניא״, און אַלע איינוואוינער פון דער דאָזיקער שטאָט זענען גרויסע כישוף מאַכער און זיי גייען אין דער

מדבר און כאַפּן ווייסע און שוואַרצע שלענג וואָס זענען אַלט צען יאָר אָדער מער, און טוהען מיט זיי כישוף, און דעריבער ווערן זיי קרעציג, און זייער גאַנצן כישוף טוהען זיי אין דער דאָזיגער הייל.

**טו. אזלי,** זענען זיי אַוועקגעגאַנגען פון דער הייל. גייענדיג האָבן זיי באַגעגענט אַ מענטש גיין, און זיין זוהן איז געווען קראַנק און צוגעבונדן אויף דעם אייזל. האָבן זיי צו אים געזאָגט, ווער ביזטו? האָט ער זיי געענטפערט, איך בין אַ איד און דאָס איז מיין זוהן, וואָס ער איז צוגעבונדן אויף דעם אייזל. האָבן זיי אים געפרעגט, פאַרוואָס איז ער צוגעבונדן?

**טז. אמר להם,** האָט ער צו זיי געזאָגט, איך האָב געוואוינט אין אַ דאָרף און מיין זוהן האָט יעדן טאָג געלערנט תורה, און ער פלעגט אַהיימקומען און איבער'חזר'ן דאָס לערנען. דריי יאָר האָב איך געוואוינט אין דער דירה, און איך האָב נישט געזעהן קיין שלעכטע זאַך. אַמאָל איז מיין זוהן אַהיימגעקומען כדי איבערצוחזר'ן דאָס לערנען וואָס ער האָט מקבל געווען ביי זיין רבי'ן, איז אים אַריבערגעגאַנגען אַ לופט און האָט אים געשעדיגט און האָט פאַרקרימט זיין מויל, זיינע אויגן און זיינע הענט און ער קען נישט רעדן. גיי איך דעריבער צו דער הייל, כדי זיי זאָלן אים היילן.

**יז. אמר ליה,** האָט רבי יהודה אים געפרעגט, איז עמיצער שוין אַמאָל געשעדיגט געוואָרן אין דעם הויז? האָט דער מענטש אים געענטפערט, עס איז אַמאָל יאָ איינער ניזוק געוואָרן דאָרטן, נאָר אַ טייל מענטשן האָבן געזאָגט אַז ער איז אַזוי קראַנק און ער איז נישט ניזוק געוואָרן, און דערנאָך האָבן שוין געוואוינט אַסאַך מענטשן אין דעם הויז און זענען נישט געשעדיקט געוואָרן. האָבן זיי געזאָגט, לאָמיר נאָכגיין דעם דאָזיקן מענטש, וועלן מיר זעהן וואָס זיין סוף וועט זיין.

**יח. אמר רבי יצחק,** האָט רבי יצחק צו זיי געזאָגט, מיר טאָרן

אים נישט נאָכגיין. אויב ער גייט צו אַ גרויסן מענטש, אַ תלמיד חכם וואָס פאַרכט זיך פון אַ זינד, אַזוי ווי נעמן איז געגאַנגען צו דעם נביא אלישע, וואָלטן מיר אים נאָכגעגאַנגען, אָבער איצט טאָרן מיר אים נישט נאָכגיין. געלויבט איז דער אויבערשטער וואָס ער האָט אונז אָפּגעהיטן פון זיי, און דער מענטש טאָר אויך נישט גיין אַהין.

**האָט** רבי יהודה געזאָגט, מיר האָבן דאָך געלערנט אַז מיט יעדע זאַך מעג אַ מענטש זיך היילן, נאָר נישט מיט אַזעלכע זאַכן וואָס קומען אַרויס פון עבודה זרה. האָט רבי יצחק געענטפערט, כישוף איז אויך עבודה זרה. זענען זיי געגאַנגען ווייטער זייער וועג.

**יט. אזיל,** דער מענטש איז געגאַנגען צו דער הייל, צוזאַמען מיט זיין זוהן. ער האָט אויפגעבונדן זיין זוהן און האָט אים געלייגט אין דער הייל. ווען דער פאָטער איז אַרויסגעגאַנגען צוצובינדן זיין אייזל, איז אַרויסגעקומען אַ רויך מיט פייער און האָט אים געשלאָגן אויף זיין קאָפּ און אים גע׳הרג׳עט. דערנאָך איז דער פאָטער אַריינגעגאַנגען און האָט געפונען זיין זוהן טויט. האָט ער גענומען זיין טויטן זוהן און דאָס אייזל, און איז צוריקגעגאַנגען מיט גרויס צער.

**כ. לבתר,** אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער געזעהן רבי יצחק און רבי חזקיה. איז ער געגאַנגען און האָט געוויינט פאַר זיי, און האָט זיי דערציילט די גאַנצע פאַסירונג. האָט רבי יצחק געזאָגט צו אים, האָב איך דען דיר נישט פיל מאָל געזאָגט אַז מען טאָר אַהין נישט גיין? געלויבט איז דער באַשעפער וואָס אַלץ וואָס ער טוט איז אמת, און זיינע וועגן זענען מיט גערעכטן דין, און פאַר די צדיקים וואָס גייען אין דעם וועג פון אמת, איז זיי גוט אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט, אָבער די מענטשן וואָס גייען נאָך נאַרישקייטן און כישוף, איז זייער סוף שלעכט ביי זייער לעבן און אַוודאי נאָך זייער טויט, וואָס זייער נשמה ווערט פאַרשטויסן און זיי זענען נישט זוכה צו זעהן די ליכט פון

עולם הבא. אויך פון זייער גוף ווערן באַשאַפן שלעכטע זאַכן, אַזוי ווי עס שטייט אין זוהר אין פילע ערטער.

**דעריבער** זאָל דער מענטש זיין געוואָרענט אַז עס זאָל אים נישט געטוהן ווערן אַפילו אַ רפואה דורך כישוף, ווייל דאָס טוהן כישוף איז אַן עבירה אַזוי ווי דאָס דינען עבודה זרה, און דער מענטש וואָס האָט מורא פון דעם אויבערשטן זאָל זיך דערווייטערן פון כישוף, און עס וועט אים אייביג זיין גוט.